בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בהר (חו"ל) תשע"ז　　אבות פרק ד׳　　גליון 360 [שנה ח׳]

**וואס איז דער כוונה פון מה ענין שמיטה אצל הר סיני**

וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר: (כ"ה א) עס איז ידוע די קשיא פארוואס דווקא פונקט פאר די מצוה פון שמיטה זאגט אונז די תורה אז עס איז געזאגט געווארן אויף הר סיני? נאר מען קען דאס פארשטיין לויט וואס דער ראב"ד פון מאטטערסדארף, בעל תפארת יוסף זי"ע איז מסביר: אז מיר אידן גלויבן אז השי"ת האט אלעס באשאפן די הימל, די ערד וכו׳... וואס להבדיל עס זענען דא פון די אומות העולם וואס מיט זייער נארישע שכל גלויבן זיי אז די הימל האט דער רבש"ע באשעפן, אבער ווייטער האט די וועלט נישט קיין שייכות מיטן אים רח"ל, וואס לויט זייער גלויבונג, דער וואס געוועלטיגט אויף די הימל קען נישט האבן קיין שייכות מיט די וועלט ווייל עס איז צוויי באזונדערע רשויות רח"ל ... אבער ביי מעמד הר סיני האט מען ממש געזעהן פארקערט, אז די תורה פון שמים איז געקומען צו די ארץ (האט מען געזען קלאר ווי ס׳איז איין געוועלטיגער אויףביידן), אזוי אויך האט מען געזען ביי די אותות ומופתים ביי מצרים און די ים, און ביי די מָן, אז עס איז דא איין באשעפער אויף אלעס ... איז יעצט, א מענטש וואס דארף היטן שמיטה .. קען טראכטן– פון וואו וועל איך האבן געלט צו שפייזן מיין משפחה? און מיין פעלד וועט דאך ווערן קאליע! וואס די מחשבות קען צוברענגען א שוואכקייט אין אמונה (כמובא בעירובין דף מא:), איז טאקע וועגן דעם זאגט אונז די תורה פאר די מצוה פון שמיטה דער ענין פון הר סיני, ווייל דער מענטש קען טראכטן חלילה צו דען קען דער באשעפער פון הימל מיר העלפן מיט מיין פעלד? זאגט אים די תורה: יא!!. דערמאן זיך פון הר סיני, ווי די תורה איז געקומען פון הימל צום ערד, (זעהט מען אז ס׳איז איין באשעפער פון הימל און ערד) דעריבער האב נישט קיין מורא, און היט שמיטה און דער באשעפער פון אלעס וועט מאכן אז "וְצִוִּיתִי אֶת־בִּרְכָתִי" עס זאל גוט וואקסן דיין פעלד און וועסט נישט האבן קיין שאדן . (דעת יוסף)

**בזכות שמיטה און שבת וועט זיין עסן**

וְהָיְתָה שַׁבַּת הָאָרֶץ לָכֶם לְאָכְלָה: (כ"ה ו׳) לכאורה די ווערטער לָכֶם לְאָכְלָה איז איבעריג, ווייל עס וואלט געקענט נאר שטיין וְהָיְתָה שַׁבַּת הָאָרֶץ, ווייל דער עיקר מצוה איז אז דער ערד דארף רוהען און נישט וועגן עסן? נאר די תורה קומט זאגן אז א מענטש וואלט געקענט מיינען אז דער ענין פון שמיטה איז אז מען עסט דעמאלט וואס מען האט געהארעוועט אין די 6 יאר. זאגט די תורה ניין! נאר לָכֶם לְאָכְלָה, אז דער שַׁבַּת הָאָרֶץ, מיט דעם וואס מען רוהט אין שמיטה, דאס וועט זיין לָכֶם לְאָכְלָה, אויף ווייטער, פאר אייך אויף צו עסן אין די קומענדיגע 7 יאר. אין דעם גאנג קען מען צולייגען אז שַׁבַּת הָאָרֶץ גייט ארויף אויף שבת קודש. דאס וואס די זוהר הקדוש זאגט כל ברכאין דלעילא ותתא ביום השביעי תליא, אז די ברכה אויף די גאנצע וואך קומט פון דעם שבת. דאס איז דער רמז פון לָכֶם לְאָכְלָה, אז דער שבת וועט געבן די השפעות אויף די קומענדיגן וואך. (המו"ל עפ"י מאורה של תורה) אין ספר שפתי צדיקים פון הרה"ק ר׳ פינחס פון דינאוויץ א תלמיד פון הייליגן אפטא רב זיע"א שטייט, אז "כבוד שבת" איז די נוטריקון "כ׳ל ב׳רכאין ד׳לעילא ו׳תתא, ב׳יום ש׳ביעי ת׳ליא.

**דער אויבערשטער איז מקרב ווער עס וויל ווערן הייליג**

כִּי־לִי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: (כ"ה נ"ה) לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף די תורה אויספירן אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, עס וואלט געווען גענוג צו זאגן כִּי־לִי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס שטייט אין הגדה דברי חיים ברעגגט פון דער הייליגער ראפשיצער זי"ע, דאס וואס מיר זאגן ביי קידוש פרייטיג צו נאכט, תְּחִלָּה לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם, וואס איז די שייכות פון מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ און יְצִיאַת מִצְרָיִם? נאר א מענטש וואס וויל זיך נעמען און דינען דעם אויבערשטן וועט ער טראכטן איך בין פול מיט עבירות און אריינגעטאן אין טומאה, ווי וועל איך קענען ארויסגיין פון דעם? דאס מיינט תְּחִלָּה לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ, אין אנפאנג ווען א איד וויל אויף זיך ארויפלייגן קדושת ה׳ זאל ער געדענקען יְצִיאַת מִצְרָיִם וואו די אידן זענען געווען כמעט ביי די נ׳ שערי טומאה, און דער אויבערשטער האט זיי אריין געברענגט אין די קדושה, אזוי איז ביי יעדן איד וואס וויל נתקרב ווערן וועט אים דער אויבערשטער מְקָרֵב זיין לקדושה ע"כ. דאס זעלבע איז דא, כִּי־לִי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, דער וואס וויל ווערן א עבד ה׳ און אריינגיין אין די קדושה, זאל ער געדענקען אז עֲבָדַי הֵם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, אפילו ווי ווייט די אידן זענען געווען אין מצרים, פונדעסטוועגן האב איך זיי ארויסגענומען צו די מ"ט שערי קדושה. און דאס וועט דער אויבערשטער טאן פאר יעדן איד וואס וויל ווערן נאנט צו אים. (עפ"י ספר דברי אמונה – תולדות אהרן זצוק"ל)

**שיינע דרוש פון עצי חיים אויף בל תלין**

וְכִי תֹאמְרוּ מַה־נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת .... וְצִוִּיתִי אֶת־בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית:(כ"ה כ"א) דארף מען פארשטיין פארוואס קומט עס פאר דעם מענטש גלייך שכר פארן היטן שמיטה, מיר ווייסן דעם כלל "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"? אויך איז שווער אז עס שטייט "אין ישראל ניזונין אלא בזכות האמונה", די אידן ווערן געשפייזט נאר אין זכות פון זייער אמונה. לכאורה איז שווער אויב שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, ווי אזוי באקומט מען שכר מזונות אין זכות פון אמונה? אויך פרעגט מען פארקערט, פארוואס איז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, וואס טוט דער אויבערשטער מיטן לאו פון לא תלין פעולת שכיר, אז מען טאר נישט איבער נעכטיגן שכר פון א ארבעטארער? נאר דער דין איז, אויב דער בעל הבית דינגט א ארבעטארער דורך א שליח, איז נישטא די לאו פון בל תלין. ממילא ווען דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן די תורה צו משה און ער זאל זאגן פאר כלל ישראל, איז דאס דורך א שליח, וועגן דעם קען זיין די שכר שפעטער, און עס איז נישטא בל תלין. איז דאס גוט אויף די אלע מצוות וואס משה האט איבערגעגעבן, אבער אנכי און לא יהיה לך, האט דער אויבערשטער אליין געזאגט, קומט מען יא שכר בהאי עלמא, ביי די מצוה פון אמונה, ווייל אויב נישט אי דא בל תלין! און ווייל די מצוה פון שמיטה איז אמונה אז דער אויבערשטער גיט פרנסה, דעריבער איז דא שכר בהאי עלמא וועגן דעם לאו פון "לא תלין". (עצי חיים)

מען קען דאס אויך פארענטפערן מיט א אנדערע מהלך: אפילו אן דעם טעם וואס א בעל הבית דינגט א ארבעטארער מיט א שליח איז די בעל הבית נישט עובר אויף בל תלין, איז דא נאך א דין אז אויב דער פועל מאנט איין זיין שכר, מוז אים דער בעל הבית דאס געבן גלייך אפילו ער האט אים געדונגען דורך א שליח. ממילא וואלט באמת געדארפט זיין ביי שמיטה אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, נאר אויב מען מאנט שכר פון אויבערשטן איז יא דא שכר. דאס זאגט דער פסוק: "וְכִי תֹאמְרוּ מַה־נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת", דאס הייסט ער מאָנט איין שכר פאר היטן שמיטה, איז דעמאלטס "וְצִוִּיתִי אֶת־בִּרְכָתִי לָכֶם" מוז דער אויבערשטער געבן שכר, כדי נישט עובר זיין אויף בל תלין. (עצי חיים)

זעלטענע געלעגנהייט צו פארקויפן א הגדה של פסח געדרוקט אין זיטאמיר גליונות רחבות וכמו חדש

אויך א תהלים אמרות טהורות און א תהלים מיט ע"ט געדרוקט אין זיטאמיר שיינע מצב

מדור העובדות

## רבי עזריאל פון פאליצק תלמיד פון הייליגן מגיד וויל זיך טרעפן מיט די צדיקים נסתרים

הצדיק הקדוש רבי עזריאל מפאליצק איז געווען פון די תלמידים פון הייליגן מגיד ממעזריטש. איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שטעטל לעבן לעמבערג און איז אריין אין די שטאט שול און ער האט געזען א מוכר ספרים וואס האט אויסגעשטעלט אויפן טיש און בענקלאך זיינע ספרים און ר' עזריאל גייט צו און באטראכט די ספרים און ער זעט א קליין ספר קרניים – וואס איז מיוחס צו רבי יצחק בן הראב"ד אדער רבי מקרדינא און המקובל רבי שמשון אסטראפאלי איז דאס מפרש –. רבי עזריאל האט זיך געפריידט אז ער וועט יעצט קענען קויפן א ספר וואס ער זוכט שוין א לענגערע צייט, אבער ווען ער פרעגט דעם מוכר ספרים די פרייז פון ספר זאגט ער אים עס איז א יקר מציאות און בעט א גאר הויכן פרייז. רבי עזריאל פרובירט האנדלען אבער דער מוכר האלט זיין פרייז, נו! אזעלכע געלט האט ער נישט געהאט און איז אוועק אין שטאט זוכן ביי באקאנטע צו שאפן די נויטיגע געלט,

ווען ער האט געהאט די גאנצע געלט איז ער געלאפן בשמחה צום מוכר ספרים, און ער זעט אז דער מוכר פאקט שוין אוועק זיינע ספרים. זאגט רבי עזריאל איך האב געברענגט געלט פארן ספר וואס איך האב געוואלט, דער מוכר פרובירט צו געדענקן וועלכע ספר דאס איז געווען, און ווען ער האט זיך דערמאנט רופט ער זיך אן אַ! די ספר קרניים? אוי! א שעה צוריק איז געקומען א בעל עגלה און געקויפט דעם ספר פארן פולן פרייז און גארנישט געהאנדלט!

רבי עזריאל טראכט צו זיך: אז א בעל עגלה וואס קויפט אזא ספר מוז דאך זיין איינע פון די צדיקים נסתרים, וויל ער זיך טרעפן מיט אים, און רבי עזריאל בעט די מוכר ספרים ער זאל אים אויסמשל'ן ווי אזוי דער בעל עגלה זעט אויס, און דער מוכר ספרים זאגט אים קלאר אלעס. און רבי עזריאל דאנקט אים און גייט אין שטעטל פרובירן נאך צו גיין ווער דער בעל עגלה איז, און צוביסלאך האט מען אים געזאגט ווער דאס איז און ער האט אויך אויסגעפונען וואו ער וואוינט. רבי עזריאל גייט שנעל אהין צו די הויז פון בעל עגלה און זעט טאקע א בעל עגלה אויספאקן זיין פעקלאך פון וואגן און רבי עזריאל גייט צו צו אים און זאגט במחילת כבודכם איך האב געהערט אז איר האט געקויפט א ספר קרניים און איך האב דאס געוואלט קויפן פאר מיר, און איך בין דאס גרייט צו קויפן פון אייך און נאך געבן ריוח. דער בעל עגלה זאגט שטרענגערהייט: וואס ספר ווען ספר וואס האב איך מיט ספרים! זעסט נישט איך האב געארבעט שווער היינט און דו פארדרייסט מיר יעצט א קאפ? לאז מיר אפ און נעמט זיין בייטש און גיט א שטארקן פייף און זאגט טאמער גייסט נישט אוועק פון מיר וועל איך דיר לערנען מיט מיין בייטש!

רבי עזריאל האט געמאכט פליטה נישט וועלן כאפן קיין קלעפ. רבי עזריאל האט זיך נישט מייאש געווען און איז געגאנגען צום רב פון שטאט און דערציילט וואס איז געשען און אז ביי אים אין שטאט איז דא א בעל עגלה פון די צדיקים נסתרים און האט געבעטן פון רב אז ער זאל קומען מיט אים צום הויז פון בעל עגלה וואס איז זיכער פון די ל"ו צדיקים און בעטן, אדער פארקויפן דעם ספר אדער ער זאל לערנען מיט מיר, דער רב איז געווען אויך גרויס אין קבלה האט געזאגט ער איז מסכים און אפשר וועט ער זיך אויך משתתף זיין אין דעם שיעור. רבי עזריאל מיט דעם רב זענען געגאנגען צום הויז פון בעל עגלה אבער צו זייער וואונדער איז די הויז געווען אויסגעליידיגט פון אלעס, האבן זיי געזוכט אין דעם הויז און געטראפן באהאלטענע טרעפ צו אראפגיין אין קעלער וואס דארטן איז געווען א טיש וואס די בעל עגלה האט זיכער געלערנט אויף דעם מיט זיינע חברייא!

רבי עזריאל מיטן רב האבן פארשטאנען אז דער צדיק נסתר איז דערווייל געגאנגען קיין לעמבערג וואו דארטן איז געווען א גרויסע הכנסת אורחים הויז און רבי עזריאל האט געזאגט ער וועט אים דארטן אפזוכן. רבי עזריאל איז אריין אין הכנסת אורחים און זיך געזעצט ביי א טיש אזוי ווי אלע ארחי פרחי און קוקט זיך ארום און זעט ווי א ארחי פרחי זעצט זיך אוועק מיט זיין פעקל אויף זיין אקסל און אין א פאר מינוט קומט אריין יענער בעל עגלה און די ארחי פרחי שטעלט זיך אויף פארן בעל עגלה מיט דרך ארץ און דער בעל עגלה קומט צו צום טיש פון ארחי פרחי און פריידט זיך צו זען זיין חבר און זעצט זיך לעבן אים. רבי עזריאל ווערט אים קאלט אין די אלעביינער ווייל יעצט האט ער שוין זוכה געווען צו זען נאך א צדיק נסתר.

רבי עזריאל פרובירט זיך צו באהאלטן פון די אויגן פון בעל עגלה און הערט זיך איין וואס די צוויי צדיקים נסתרים רעדן צווישן זיך, די בעל עגלה פרעגט זיין חבר וואו ער איז געווען לעצטנ'ס און פון וואו קומט ער יעצט? און ער ענטפערט אז ער איז יעצט געווען אין אניפאלי ביי רבי ר' זושא. פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו דארטן געזוכט? ענטפערט דער ארחי פרחי, "איך האב אים געוואלט קענען און שעפן פון אים יראת שמים!" פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו געזען? און האסטו דען געשעפט פון אים יראת שמים? האט ער געענטפערט אז איך האב געשעפט פולע הויפן'ס יראת שמים!

רבי עזריאל ווערט אויסער זיך צו הערן אזעלכע ווערטער און האט אויפגעהויבן זיין קאפ ווען פלוצלינג גיט דער בעל עגלה א שטילע געשריי "אוי ואבוי! פון דעם איד זוך איך דאך צו אנטלויפן, און רבי עזריאל ווען ער האט געהערט די געשריי האט זיין קאפ אנגעהויבן זיך צו שווינדלען און איז אראפ געפאלן א פאר חלש'טער! אין צימער האט מען באמערקט ווי רבי עזריאל איז אין א אזא מצב האט מען אים פרובירט צו דערמינטערן, און צום סוף איז ער געקומען צו זיך. אבער ווען ער איז שוין געווען ביי זיך האט ער געזען ווי די צוויי צדיקים זענען שוין פארשוואונדען און אנטלאפן פון דארט. רבי עזריאל האט שוין פארשטאנען אז די צדיקים נסתרים ווילן זיך נישט נתגלה ווערן צו אים און מען וויל נישט פון אויבן אז ער זאל זיך טרעפען מיט זיי, איז ער אהיים געפארן קיין פאליצק.

דער הייליגער בעש"ט פלעגט שיקן הרה"ק רבי ליב שרה'ס זצ"ל צו מפרנס זיין די צדיקים נסתרים, איינמאל האט רבי עזריאל געבעטן מיטפארן? רבי ליב שרה'ס האט מסכים געווען בתנאי ער וועט זיצן אין וואגן ווען ער גייט געבן געלט פאר די צדיקים. זיי זענען געפארן קיין בארדיטשוב און זיך אפגעשטעלט ביי א שטוב פון א שניידער. א שיינע וואגן שטייט אינדרויסן פון הויז, האבן זיי געפרעגט דעם בעל עגלה ווער איז אריין אין שטוב? האט ער געענטפערט אז דאס איז הרה"ק ר' מרדכי דער מגיד פון טשערנאביל וואס איז אריין פארעכטן זיין טלית קטן וואס האט זיך צוריסן. האט זיך רבי ליב שרה'ס אנגערופן צו רבי עזריאל אז דאס איז זיין סימן אז דער מגיד פון טשערנאביל וועט באלד איבערנעמען דעם תפקיד צו מפרנס זיין די צדיקים. און אין א קורצע צייט איז רבי ליב שרה'ס נסתלק געווארן און דער מגיד פון טשערנאביל האט איבערגענומען דעם תפקיד פון מפרנס זיין די צדיקים נסתרים זיע"א

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

ספר מיט חתימת השרף פון טאש $6000, סידור של"ה דפוס ראשון באלאנגט צו שאצער רבי זצוק"ל פון לאנדאן מיט זיין הגהות פעלט לעצטע פאר דפים, פאר $50000, ספר תיקוני זוהר באלאנגט צום בני שלישים פון קאסאן מיט פיל הגהות בכת"י פון אים $30000, ספר חורב ערשטעטער דרוק מיט הקדשה פון מחבר הגאון מורינו ר' שמשון רפאל הירש $5000, ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל"ה מיט ברייטע גליונות $3000, ספר מאיר נתיבים תלמיד בעש"ט דפוס ראשון, ספר אור החכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק $18000, גמ' זיטאמיר מיט חתימת הרה"ק ר' יחיאל מקרילאוויץ בן הרה"ק מזינקוב וגם שייך לגיסו הרה"ק ר' נפתלי בהרה"ק ר' יהושע מבעלזא $15000, ספר תולדות אהרן דפוס ראשון בארדיטשוב, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. גריסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, 2 בריוו פון ר' אהרן וואלקין, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵמות, מיר קענען אפנעמען ביי אייך א גרעסערע קוואנטום